# וויאזוי מיר ארבעטן מיט נאציאנאלע מינאריטעט רעכטן

**עס זענען דא פינף נאציאנאלע מינאריטעטן אין שוועדן: אידן, רוימער, שוועדישע פינישע, טארנעדאלישע און די נאטיווע סאמישע מענטשן. עס זענען אויך דא פינף מינאריטעט שפראכן: פיניש, אידיש, מיענקעיליש, רוימיש שיב און סאמיש.**

שוועדן האט געזעצן וואס געבט פאר אלע פינף נאציאנאלע מינאריטעטן ספעציעלע רעכטן צו אנהאלטן און אנטוויקלען זייער שפראך און קולטור.

קאלמאר מוניציפאליטעט האט באשלאסן וויאזוי עס וועט ארבעטן צו באשיצן די נאציאנאלע מינאריטעטן, פארשטערקערן זייערע געלעגנהייטן פאר איינפלוס און שטיצן די מינאריטעט שפראכן אז זיי זאלן זיך האלטן אין באנוץ. צום ביישפיל, עס זענען דא ביכער און ליין מאטריאל אין די לייבערי אין אלע מינאריטעט שפראכן, ווי אויך ביכער אין שוועדיש איבער די קולטור און היסטאריע פון די נאציאנאלע מינאריטעטן.

די מוניציפאליטעט אנערקענט אויך נאציאנאלע מינאריטעט חגאות אין פארשידענע וועגן, אריינגערעכנט דורך אויפהענגען פענער.

אויב איר וואוינט אין קאלמאר מוניציפאליטעט און געהערט צו א נאציאנאלע מינאריטעט, וועט איר אויך האבן די געלעגנהייט צו אנטוויקלען אייער מינאריטעט שפראך אין שולע.

פאר מער אינפארמאציע איבער נאציאנאלע מינאריטעטן און נאטיווע מענטשן, באזוכט
www.minoritet.se

Kalmar kommun